**מאמר השקפה**

**פר' במדבר – חג השבועות**

שנת תשפ"ה לפ"ק

# אונזער קבלה ביי אהבה רבה

# ב' שלח: מאימתי קורין את שמע...

היו נכונים לשלשת ימים...

צו קבלת התורה פארלאנגט זיך אן הכנה.

דאס איינציגסטע מאל וואס מיר באגעגענען אין די תורה הקדושה אזוי מפורש דאס ענין פון 'הכנה' איז אין פרשת יתרו ביי קבלת התורה.

די תורה הקדושה זאגט קלאר, צו קבלת התורה קען מען נישט ארייגפאלן אזוי פון די גאס אריין... מ'קען נישט קומען מיט די ארבעטס-קליידער, מיט די בלאטיגע שטיוול, אריין צום הייליגן מעמד, און זיך שפירן ווי א מחותן צום טיש.

"**היו נכונים**", מ'דארף זיך גרייטן, מ'דארף זיך פורש זיין פון עניני עולם הזה, מ'דארף געבן צייט, מ'דארף געבן מחשבה, מ'דארף זיך אוועקגעבן פאר ערנסטקייט און העכערקייט, אז מ'זאל קענען מאכן דעם גוף הגשמי אז עס זאל זיין א כלי וואס איז ראוי צום מעמד פון קבלת התורה.

נאר ווער עס קומט מיט אן הכנה וועט זוכה זיין צו קבלת התורה, ער וועט שפירן וויאזוי א איד איז מקבל די תורה.

מפי ספרים וסופרים למדנו, ובפרט מספרי מרן רבינו הק' מסאטמאר זלה"ה, האט דאס ברייט אויסגעשמועסט אז 'נתינת התורה' איז באמת בכל עת ובכל זמן, אבער אין די ימי חג השבועות איז דא א גרעסערע השפעה, און א איד קען זוכה זיין צו א גרעסערע השגה אין קבלת התורה, אבער דאס איז נאר אויב האט ער געגומען זיין חומר, זיין גוף הגשמי, און דאס אויסגערייניגט פונעם זוהמא פונעם גאנצן יאר, און גרייט געמאכט אז ער זאל זיין א כלי הראוי לקבל תוספת קדושה.

יעדער איד גרייט זיך אין די טעג צו קבלת התורה, מיר זענען שוין אין די '**שלשת ימים**', און יעדער איד איז משתוקק צו זוכה זיין צו האבן אן הרגשה אינעם הייליגן יו"ט שבועות אז מען הייבט זיך אויף, '**ורוממתנו מכל הלשונות**', מיר ווילן מרגיש זיין, מיר ווילן שפירן, מיר וויל דאס האבן אין די ביינער, יעדער איד וויל שפירן א נאנטקייט, א הרגשה אז מ'איז א חלק פון דעם סגל חבורה, 'אורייתא, קודשא בריך היא, וישראל', און ווען נאך אזוויו אינעם יו"ט שבועות קומט דאס ארויף אויפ'ן אויבערפלאך.

## אידן ענדיגן ש"ס...

אבער היי יאר איז דא א באזונדערע נושא אויפן טיש.

דער הייליגער יו"ט שבועות געפאלט אויס געגויע צוויי וואכן בעפאר דעם גרויסן "**ערשטן סיום הש"ס**" פון "**תורתך שעשועי**".

צווישן די סמעטענע פון כלל ישראל, צווישן די הייליגסטע קהילות פון כלל ישראל, צווישן די גאר ערליכע אידן, מאמינים בה' ובתורתו מיט אן אמונה שלימה, טראץ אלע שווערע נסיונות, זענען דא עטליכע טויזנט אידן וואס זענען אין די טעג איינגעטינקען ראשם ורובם אין א "מצב נורא"...

א "מצב" פון "**מיר גייען אי"ה זוכה זיין צו מסיים זיין גאנץ ש"ס**".

וואו איז דא ווערטער צו קענען אויסמאלן, ווערטער צו קענען ארויסגעבן די הרגשים פון אן ערליכן איד, א איד וואס לעבט מיט תורה ומצוות, א איד וואס זוכט אלס צו זיין דער בעסטער איד, דער מהודר'דיגסטער איד, פאר'ן יו"ט פסח זוכט ער די בעסטע מצות, פאר'ן יו"ט סוכות זוכט ער די מהודר'דיגסטע ד' מינים, ער צאלט אפילו מער פאר א מגילה מיט "א שיטין, וואס איז דער הרגש פון אזא איד ווען ער איז זוכה צום ערשטן מאל אין לעבן צו מסיים זיין ש"ס?

"**מסיים זיין ש"ס**".

א איד וואס האט דורכגעלערנט "גאנץ ש"ס", גמרא מיט פירוש רש"י, ער האט אנגעהויבן אין חודש כסליו תשע"ג "**מאימתי קורין את שמע בערבית**", און סיון תשפ"ה, האלט ער ביי מס' נדה דף ע"ג "**אל תקרי הליכות אלא הלכות**".

ער האט גענומען בחינות, דאס מיינט אז ער האט גע'חזר'ט איינמאל און פינף מאל, ער האט פארשטאנען יעדע סוגיא קלאר דבר דבור על אופניו, און ער האט "דורכגעלערנט גאנץ ש"ס".

מיר זאגן דאס איבער איינמאל און נאכאמאל, אבער מיר זענען מודה אז אפילו שרייבנדיג די שורות ווערט נאך דעם עצם המושג נישט נקלט אין מח ווי געהעריג:

**"צוויי טויזנט אידן פון די סאטמארע קהילה, שטייען ביים ענדיגן גאנץ ש"ס, א גרויס חלק פון זיי, לכה"פ פינף מאל, זייענדיג פון די וואס האבן כסדר גע'חזר'ט און גענומען בחינות".**

**ניין, ווערטער וועלן דאס נישט קענען אפטייטשן, הרגשים קענען נישט ווערן עכט ארויסגעגעבן אויפן פאפיר, און ווער עס איז נייגעריג צו פארשטיין וואס עס שפירט א חבר אין 'תורתך שעשועי', האט איין ברירה, אנהייבן קומענדיגן ב' שלח פון 'מאימתי', און צו לאנגע געזונטע יארן בשנת תשצ"ז, וועט ער בע"ה ווידער מיטלעבן די הרגשה.**

"**צוויי טויזנט אידן פון די סאטמארע קהילה, שטייען ביים ענדיגן גאנץ ש"ס, א גרויס חלק פון זיי, לכה"פ פינף מאל, זייענדיג פון די וואס האבן כסדר גע'חזר'ט און גענומען בחינות**".

ניין, ווערטער וועלן דאס נישט קענען אפטייטשן, הרגשים קענען נישט ווערן עכט ארויסגעגעבן אויפן פאפיר, און ווער עס איז נייגעריג צו פארשטיין וואס עס שפירט א חבר אין 'תורתך שעשועי', האט איין ברירה, אנהייבן קומענדיגן ב' שלח פון 'מאימתי', און צו לאנגע געזונטע יארן בשנת תשצ"ז, וועט ער בע"ה ווידער מיטלעבן די הרגשה.

ווייל עס איז באמת נישטא קיין ווערטער צו קענען מסביר זיין די געהויבענע הרגשה.

עס איז עפעס א געפיל שלא מעלמא הדין.

"איך, קליינער אידעלע, פשוט'ער ארבעטער, האב מסיים געווען ש"ס! געלערנט, גע'חזר'ט, "זיך פארהערט", און מסיים געווען".

ניין, די 'דיקשאנערי' האט דערווייל נישט קיין שום ווארט וואס זאל קענען ריכטיג ארויסברענגען די הרגשים.

אבער איין זאך קענט איר זיין זיכער, וואס עס וועט זיך אפטון אונטער א איבערגעדעקטן טלית קומענדיגן שבועות ביי א 'ש"ס איד', וויאזוי א איד וואס שוין 12 יאר לעבט ער מיט עמל ויגיעת התורה, וועט ארויסזאגן די ווערטער "אהבה רבה אהבתנו ה' אלקינו", "ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך בלבב שלם, כן תחננו

ותלמדנו", "המרחם רחם עלינו ותן בלבנו בינה ... ללמוד וללמד", "והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצוותיך, ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך".

נאר ווער עס האט שוין געזען ווי עס זעט אויס א שיכור וואס בעט זיך פאר נאך א קליין גלעזל וויין, וועט קענען - להבדיל א"א הבדלות - עטוואס משיג זיין וואס עס שפירט א איד וואס האט זוכה געווען 'לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו', "נאך איין בלאט... נאך איין רש"י... נאך איין תוספות'ל... נאך איין חזרה... נאך איין בחינה".

די ש"ס אידן האבן וואס צו וויינען ביי 'אהבה רבה'. "טאטע אין הימל, העלף מיר נאכאמאל, "כן תחננו ותלמדנו", האסט מיך געהאלפן פון תשע"ג ביז תשפ"ה, איך האב זוכה געווען דאס ערשטע מאל דאס מיטלעבן, איך בעט מיך "נאך א גלעזל... כן תחננו ותלמדנו". איך הייב אן נאכאמאל ש"ס.

> **"איך, קליינער אידעלע, פשוט'ער ארבעטער, האב מסיים געווען ש"ס! געלערנט, גע'חזר'ט, "זיך פארהערט", און מסיים געווען".**
>
> **ניין, די 'דיקשאנערי' האט דערווייל נישט קיין שום ווארט וואס זאל קענען ריכטיג ארויסברענגען די הרגשים.**
>
> **אבער איין זאך קענט איר זיין זיכער, וואס עס וועט זיך אפטון אונטער א איבערגעדעקטן טלית קומענדיגן שבועות ביי א 'ש"ס איד', וויאזוי א איד וואס שוין 12 יאר לעבט ער מיט עמל ויגיעת התורה, וועט ארויסזאגן די ווערטער "אהבה רבה אהבתנו ה' אלקינו", "ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך בלבב שלם, כן תחננו ותלמדנו", "המרחם רחם עלינו ותן בלבנו בינה ... ללמוד וללמד", "והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצוותיך, ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך".**

ב' שלח הייב איך אן 'מאימתי קורין את שמע'... טאטע זיסער האב רחמנות, העלף מיר, והאר עינינו בתורתך. גיב מיר כח; גיב מיר געזונט; גיב מיר חשק; גיב מיר התלהבות און א ברען; "ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את 'כל' דברי תלמוד תורתך באהבה".

את 'כל' דברי תלמוד תורתך.

איך האב געענדיגט ש"ס. מיר האבן געלערנט מס' **ברכות** דיני ברכות, דיני זרעים, טייל וואס איז נוגע למעשה, אבער נישט אלעס.

מיר האבן געלערנט '**סדר מועד**', הלכות שבת, הלכות עירובין - אה, שקלים מיט 'תקלין חדתין', א לעכטיגער 'באנוס'... – הלכות פסח, הלכות יום טוב, הלכות כיפור, ראש השנה, סוכה, פורים, אבילות ח"ו.

מיר האבן געלערנט '**סדר נשים**', וואס איז שייך צו זאגן? וויפיל שארפקייט, וויפיל חכמת התורה קויפט מען איין ביים איבערגיין סוגיות פון יבמות און כתובות... און ווער רעדט נאך די ווייטערדיגע מסכתות, נדרים, נזיר, סוטה, גיטין, קידושין, ווען מען דערמאנט זיך נאר די נעמען פון די מסכתות ווערט מען אנגעפולט מיט געגועין צו יענע לעכטיגע צייטן ווען מען האט דאס געלערנט.

'**סדר נזיקין**', די דריי בבות. אוי, אוודאי, ווען מ'טראכט נאר פון התחלת מס' בבא בתרא קומט ארויף אויף די מחשבה די טרויעריגע תקופת ה'קאראנא'... אוי, ווי מ'האט זיך געמוטשעט אויף די ערשטע בלעטער, אן קיין חברותא, אן קיין מגיד שיעור... אלעס אויפ'ן טעלעפאן...

'**סדר קדשים**', א נייע וועלט, סאטמארע יונגעלייט, סאטמארע בחורים, וואס האבן נישט 'אויסגעוואנדערט' בימי בחרותם, און אין אונזערע ישיבות האט מען געשוויצט אין די סוגיות פון 'נשים' און 'נזיקין', האבן צום ערשטן מאל אריינגעארבעט אין די ערנסטע סוגיות וואס וועלן גאר בקרוב נוגע זיין, **זבחים**, **מנחות**, **חולין**, אוי לעכטיג, לעכטיג... די זיסקייט פון די קלענערע מסכתות, מעילה, עדיות, כריתות, קנים, תמיד.

און כרגע הארעוועט מען אריין אין **מסכת נדה**, מ'לערנט און מ'חזר'ט, און מ'גרייט זיך אט אט צום גרויסן סיום הש"ס.

## ירבה בישיבה וימעט בסחורה

מאת ה' היתה זאת. אלעס איז השגחה פרטית.

היינט פארטאגס, גרייטנדיג זיך צו שרייבן די שורות, האבן מיר געלערנט אונזער שיעור אין '**תורתך שעשועי**' - עטוואס פאראויס מיט געציילטע דפים - מס' נדה דף ע' ע"ב, ביי די 12 שאלות וואס די חכמי אלכסנדריא האבן געפרעגט רבי יהושע בן חנני', איז געווען דריי שאלות בעניני דרך ארץ, דאס ערשטע איז געווען:

"**מה יעשה אדם ויחכם**", האט רבי יהושע געענטפערט "**ירבה בישיבה וימעט בסחורה**".

האבן זיי צוריקגעפרעגט "**הרבה עשו כן ולא הועיל להם**", "**אלא יבקשו רחמים ממי שהחכמה שלו**".

פון די גמרא קומט ארויס זייער קלאר אז ווען א איד וויל זוכה זיין צו חכמת התורה איז דא צוויי זאכן, איינס '**ירבה בישיבה וימעט בסחורה**', ער מוז נעמען זיין '**ישיבה**', דאס קביעות עתים לתורה און דאס מרבה זיין, ומאידך גיסא, דער חלק הסחורה, זיין געשעפט, זיין ביזנעס, זיין פרנסה אין וואס ער איז עוסק על המחי' ועל הכלכלה, אין דעם דארף ער ממעט זיין.

אבער אויך נאכדעם וואס ער וועט דאס טון דארף נאך קומען אן עבודת התפילה, '**יבקש רחמים ממי שהחכמה שלו**', ער דארף אויסוויינען א סידור'ל ביי אהבה רבה, ווייל אן קיין תפילה, אן קיין אמת'ע טרערן, אנעם זיך אויסוויינען און אויסבעטן ביים רבש"ע באמת ובלבב שלם צו זוכה זיין צו כתרה של תורה, צום '**ויחכם**', צו חכמת התורה, קען דאס נישט גיין.

אבער איין זאך איז דא זיכער, אויב זאגט די גמרא '**וימעט בסחורה**' איז זיכער אז מ'רעדט פון אידן בעלי בתים, מ'רעדט פון אידן וואס זענען עוסק אין מסחר, אידן וואס טוען אין פרנסה, און דאך ווילן זיי זיין תלמידי חכמים, זיי ווילן זיין בני תורה, און די גמרא גיבט עצות דערויף.

עס איז זיכער נישט די רעדע פון די בני עלי', די יושבי אוהל, די אידן וואס האבן די זכי' צו זיין אויסגעטון פון אלעם און צו לעבן אויף דער וועלט זיצנדיג אין גן עדן התחתון, ווען זייער גאנצער סדר היום האט נישט קיין שייכות מיט עניני עולם הזה, זיי לעבן אין א וועלט פון 'נאר תורה', 'נאר רוחניות', זיי האבן נישט קיין שייכות צום חלק פון '**ימעט בסחורה**', נישט זייענדיג עוסק בסחורה בכלל.

## דער היסטארישער טאג: א' שלח, בעבר ובהוה...

עס לאזט זיך זאגן אז 'דא' אין די צוויי שורות פון די גמרא ליגט באהאלטן א געוואלד, וואס אולי האבן דאס חכמינו ז"ל קובע געווען ממש אין די לעצטע צוויי בלעטער פונעם סיום הש"ס, טאקע אז מיר זאלן זיך אין דעם רעכט מתבונן זיין.

**צוויי טויזנט סאטמארער אידן שטייען ביים מסיים זיין גאנץ ש"ס!**

מיר וואלטן זיך געוואגט צו זאגן א דראמאטישער אויסדרוק, אז צום ערשטן מאל אין די לעצטע אכציג יאר איז פארפולקאמט געווארן רצון צדיק, דער אמת'ער רצון פון אונזער גרויסן הייליגן רבי'ן רבינו יואל בן חנני' יו"ט זכותו יגן עלינו.

יעצט צום ערשטן מאל איז נתמלא געווארן רצון קדשו במילואה.

יא, מיר קלערן אז אויב **א' שלח תשל"ח**, האבן רבבות אלפי ישראל זוכה געווען צו זעהן זיין לעכטיגע הייליגע צורה און הערן דברות קודש מלהבות אש, ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון, ביים מייסד זיין "**קרן הצלה**".

**א' שלח תשמ"ח, א' שלח תשנ"ח**: האבן רבבות אידן געשפירט זיין הייליגער גייסט וואס שוועבט איבער אונז מיטן מחזק זיין "קרן הצלה".

**א' שלח תשע"ח**: זענען מיר געווען זיכער אז דער רבי האט א נחת רוח בגנזי מרומים ווען עס איז געווען א 'הדר קבלוה' במעמד רבבות אלפי ישראל - ובראשינו מלכינו **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א**, ולידו שר התורה **כ"ק מרן הגאב"ד ירושלים עיה"ק שליט"א** - אויף אלעס וואס דער רבי ז"ל האט אונז געלערנט אין ספה"ק ויואל

משה, און וואס ער האט מיט אונז אלעמאל גע'חזר'ט, די יסודות הדת, און אונזער קלארע און ריינע אמונה, און די חובת התבדלות מרשעים מיט א קלארקייט.

**א' שלח תשפ"ה:** איז היינט א ערשט-מאליגע הוכחה אויפ'ן רצון צדיק, וואס האט געשטרעבט אויפצושטעלן א דור "בעלי בתים תלמידי חכמים, אידן ארבעטערס על המחי' ועל הכלכלה וואס כל מעיינם איז אין תורה ויראת שמים".

**"ירבה בישיבה וימעט בסחורה".**

אה, דאס איז א לאנגע און ערנסטע סוגיא.

## דעם רבי'נס כלל ישראל

צו ערקלערן אונזערע ווערטער, אז עס זאל פארשטאנען ווערן פארוואס דער בעפארשטייענדער 'כ' סיון' איז אזא וויכטיגער טאג אין 'תולדות וקורות ימי סאטמאר', און די ריכטיגע אויספיר פון א מטרה פונעם רצון צדיק **רביה"ק מרן הדברי יואל זי"ע**, דארפן מיר עטוואס ארויסברענגען עטליכע פאקטן משנות קדם.

עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען וויאזוי עס איז געווען דעם רבי'נס בליק אויפן כלל ישראל, און וואס עס איז געווען זיין ציל אין די הייליגע ארבעט וואס ער האט זיך געהאט אונטערגענומען נאכ'ן ביטערן חורבן, להחזיר העטרה ליושנה.

אסאך גרויסע ערליכע אידן האבן אין יענע יארן געשפירט אז דער עיקר זארג וואס מ'דארף אינזינען האבן אלס חובת השעה איז אז כלל ישראל דארף האבן רבנים, מורי הוראה, גדולי ישראל, און זיי האבן אריינגעלייגט כוחות אנצוקומען צום ציל, און דאס געמאכט פאר א גרויסן עיקר.

אבער דער רבי האט געזארגט אז עס זאל זיין 'א כלל ישראל', פשוט'ע ערליכע אידן, אפגעהיטענע בעלי בתים, ערנסטע ארבעטס אידן, תלמידי חכמים ויודעי ספר, וואס זאלן אויפשטעלן ערליכע אידישע הייזער, און זיי זאלן גלייבן אינעם אויבערשטן מיט אן אמונה פשוטה, און אויף דעם אופן זאלן זיי מגדל זיין דורות יראים ושלמים.

צו זען וואס עס איז געווען דעם רבי'נס בליק אויף אן ארבעטער, וואס עס מיינט א איד וואס ברענגט פרנסה טרף לביתו, דארף מען נישט מער ווי זען וואס דער רבי האט גערעדט 'כטוב לב המלך ביין'.

ביי די דברי תורה פורים תש"כ לפ"ק, האט דער רבי געזאגט זייער שטארקע ווערטער וואס האט אויסגעזען ווי דער רבי איז פשוט מקנא אן ארבעטס אינגערמאן, אנשטאט דעם וואס עס ליגט אויף אים אן אחריות פון א ציבור, און תוך כדי דיבורו זעט מען ווי דער רבי האט געהאלטן אלס א דבר פשוט אז יעדער ארבעטס אינגערמאן איז קובע עתים לתורה שעות ארוכות יעדן טאג:

**"איך האב אמאל געהערט פון טאטן, ער איז אייביג געווען צובראכן ביי זיך, איך האב געהערט פון אים, איך בין נאך געווען א קינד, 'א זיידן האבן מיר געהאט א שוסטער'...**

**"האט ער געפרעגט ווער? האב איך געזאגט 'רבי יוחנן הסנדלר', האט ער א שמייכל געגעבן, ער האט געזאגט 'עס איז צו ווייט', עס איז נאר פאר א ווערטל.**

**"א ביטערער גורל איז אין דעם דור א איד וואס איז א שטיקל מנהיג, דעם נידריגסטן איד קען מען מקנא זיין אז ער איז נאר נישט קיין מנהיג ישראל, וואויל און ליכטיג איז אים, ער איז א מענטש פאר זיך, וואויל און ליכטיג, איך שריי כסדר מ'זאל קוקן אין יחזקאל ל"ג, אוי ווייי וואס וועט זיין מיט מנהיגי ישראל לעתיד, וואס וועט זיין מיט מנהיגי ישראל לעתיד, אוי וויי.**

**"א איד וואס וויל טון דעם רצון הבורא ב"ה מיט'ן דאווענען און לייגן תפילין, ער וויל געבן צדקה, און וויל מחזיק זיין די תורה הקדושה איז זייער גוט, אעפי"כ האף איך דער באשעפער וועט נאך העלפן –** (בשו"ע נפסק דמחויבין לשתות בפורים) **יותר מהרגלו, יותר מלימודו מער וויפיל מ'לערנט...**

**"איך האב נישט קיין צייט צו לערנען איך בין א פארקויפטער מענטש – א איד קומט אהיים, ער גייט ארבעטן, ער קומט אהיים, ער איז זיך קובע עתים לתורה און ער קען לערנען א פאר שעה".**

## א סאטמארער בעל הבית, א בן תורה!

צו זען און קענען אפלערנען דעם רבי'נס טיפן בליק דארפן מיר גיין א שטאפל ווייטער.

ביים סעודת הודאה כ"א כסלו תש"ע האט **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א** דערציילט ברבים:

עס איז געווען מיט ארום פופציג יאר צוריק, ווען דער פעטער זכרונו לברכה איז געווען אין מאנסי אויף א חנוכת הבית אין שטוב פון הנגיד ר' לייבל ראפאפארט ע"ה.

מאנסי איז נאך דעמאלטס געווען א מדבר שממה, דער איינציגסטער תורה ווינקל וואס איז דארט געווען איז געווען דער ביהמ"ד עליון, וואו עס האבן געלערנט א צאל חשוב'ע בחורים און אינגעלייט תלמידי חכמים.

ביי די מסיבה האט זיך געפונען דער ראש ישיבה פון ביהמ"ד עליון הג"ר ישראל חיים קאפלאן ז"ל, און ער האט געשמועסט מיט'ן רבי'ן ז"ל, ווען בתוה"ד האט ער אים געפרעגט "סאטמארער רב, פארוואס האט איר נישט קיין כולל?".

האט אים דער רבי געענטפערט "עס פעלט נישט אויס".

האט הרב קאפלאן געזאגט "וואס הייסט עס פעלט נישט אויס?! עס פעלט דאך אויס גדולים".

האט דער רבי געענטפערט מיט א ווערטל "ס'איז שוין דא צופיל גדולים, ס'וואלט בעסער געווען ווען עס איז ווען דא ווייניגער".

הרב קאפלאן האט אבער ווייטער גע'טענה'עט אז אויב ס'וועט נישט זיין קיין כוללים וועט נישט זיין קיין תלמידי חכמים, און עס וועט נישט זיין אינעם קומענדיגן דור וועמען צו פרעגן א שאלה.

האט אים דער רבי געזאגט **"איר זארגט זיך אז עס זאל זיין 'ווער' צו פרעגן א שאלה, איך זארג זיך עס זאל זיין 'ווער' עס וועט פרעגן א שאלה"...**

דער עפיזאד זאגט פאר זיך וואס עס איז געווען דעם רבי'נס בליק אין די ערשטע יארן אין אמעריקע ווען ער האט געהאלטן פאר די אויגן איין זאך, און דאס איז געווען זיין מטרה, אויפצושטעלן א כלל ישראל! אהערשטעלן א ציבור אידן, מאמינים בה' ובתורתו, אידן וואס זענען מלא תורה ויראת שמים, פירן זיך אזוי ווי ערליכע אידן דארפן זיך פירן! זיי זענען זיך כסדר קובע עיתים לתורה, און זיי זאלן זוכן ערליכע רבנים און תלמידי חכמים וואס זאלן זיי פירן.

**"איך האב נישט קיין צייט צו לערנען איך בין א פארקויפטער מענטש - א איד קומט אהיים, ער גייט ארבעטן, ער קומט אהיים, ער איז זיך קובע עתים לתורה און ער קען לערנען א פאר שעה"...**

**... האט אים דער רבי געזאגט "איר זארגט זיך אז עס זאל זיין 'ווער' צו פרעגן א שאלה, איך זארג זיך עס זאל זיין 'ווער' עס וועט פרעגן א שאלה"...**

## וויפיל שעה דארף לערנען א 'בעל הבית'...

עס איז אנגענומען און 'באקאנט' אז דער רבי ז"ל האט אין יענע יארן נישט געהאלטן פון קיין כולל, אבער דער אמת איז פונקט פארקערט! דער רבי האט גאר שטארק מחשיב געווען א 'יושב אוהל', און זיין סברא פשוטה איז געווען אז יעדער בעה"ב העוסק על המחי' ועל הכלכלה דארף לערנען יעדן טאג לכה"פ וויפיל א כולל אינגערמאן לערנט היינט במשך דעם טאג...

דער רבי פלעגט אנצייגן דעם לשון פון שלה"ק (מס' חולין פרק נר מצוה נ"ז): **"ואף שמשא ומתן באמונה הוא מצוה גדולה, מכל מקום אל יאבד זמנו בזה.**

**"לא מיבעיא תלמיד חכם שפשיטא צריך לראות שתהא תורתו קבע ומלאכתו עראי, אלא אפילו בעלי בתים אשר יראת אלקים בלבם ישכילו ויבינו לאחריתם ויקיימו טוב תורה עם דרך ארץ.**

**"ודורשי רשומות נתנו סימן, ג' 'אז' כתיבי, אז תשכיל אז תצליח אז תישן, לחלק היום שהוא כ"ד שעות לשלשה חלקים, שמונה שעות יהיו קודש לה' תורה ותפילה, וסימן אז' תשכיל, 'אז' בגימטריא שמונה, דהיינו שמונה שעות ישכיל שהוא עסק התורה, ושמונה שעות יעסוק במשא ומתן וסימנך 'אז' תצליח, ושמונה שעות ישן וסימנך 'אז' תישן.**

**"אמנם באלו שמונה שעות שעוסק בתורה ובתפילה, ישיש וישמח בהם ביותר שמחה רוחניות דביקות בהש"י, כי אלו השמונה שעות הם קודש לה'. וסימנך המלך המרומם לבדו מא"ז, כלומר מאז הראשון לבדו, דהיינו אז תשכיל מזה התרוממות המלך", עכ"ל.**

דאס איז א דבר פשוט, פאר א ביזנעסמאן, א ארבעטער, אז אכט שעה פונעם מעת לעת באלאנגט פאר די גמרא...

מיר האבן געהערט פון הרה"ג **רבי ברוך ווייס שליט"א** מח"ס לבב חכמה, אז בזמנו איז געווען א חשוב'ער אינגערמאן וואס איז געבליבן באהלה של תורה נאך די חתונה, אבער זיין שווער האט געהאט חשק אז ער זאל ארויסגיין עוסק זיין פאר פרנסה. און דער שווער איז אריין צום רבי'ן מיט'ן איידעם איבערשמועסן דאס ענין. האט דער רבי געפרעגט דעם אינגערמאן "וויפיל שעה לערנסטו איבערן טאג?", האט דער יונגערמאן געענטפערט 'אכט שעה'.

'אכט שעה?!' האט זיך דער רבי געוואונדערט, **'אכט שעה דארף אפילו א בעל הבית וואס ארבעט פאר פרנסה אויך קענען קובע זיין עתים לתורה'...**

דאס איז געווען דעם רבי'נס סברא פשוטה אפילו פאר א בעל הבית.

א צווייטע דוגמא:

עס דערציילט אונז הרה"ח ר' נפתלי הירצקא גרינפעלד הי"ו – וועלכער איז געווען פון די ערשטע תלמידי הישיבה אינעם דור וואס איז שוין געבוירן נאכן חורבן, און ווער עס קען היינט דעם איד פון 'היכל התורה' אין קרית יואל ווייסט אז מ'רעדט פון א בעל הבית'ישער איד א שיינער תלמיד חכם, בקי ומחדש נפלא בהרבה מקצועות התורה – אז נאך זיין חתונה האט ער געלערנט א שטיק צייט אין כולל, און ווען ער האט געדארפט אנהויבן צו טראכטן צו טון אין פרנסה האט ער זיך אינטערעסירט אויף א פרנסה, און ער האט געטראפן א גוטע ארבעט צו זיין א זילבער קריצער.

איידער ער האט אנגענומען די ארבעט איז ער אריין בקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע, און ער האט דערציילט פאר'ן רבי'ן אז מ'טראגט אים אן די ארבעט, פרעגט אים דער רבי "פארוואס עפעס ווילסטו פונקט די פרנסה?", האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז די ארבעט האט א מעלה אז מ'מוז נישט ארבעטן א גאנצן טאג, און עס בלייבט נאך איבער א פאר שעה אין טאג צו קענען לערנען און עוסק זיין בתורה.

האט אים דער רבי געזאגט: **"אויב מ'וויל קען מען מאכן פרנסה אויך ביי אנדערע סארט ארבעט, און סיי ווי איז דאך יעדער מחויב צו לערנען דריי שעה אינדערפרי און דריי שעה ביינאכט".**

ער האט געזען אז דער רבי איז נישט צופרידן פון די ארבעט, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן וועלכע ארבעט זאל ער אננעמען. האט אים דער רבי געזאגט אז ער מיינט אז 'שטריקן' איז א גוטע ארבעט.

אין יענע צייט זענען געווען אסאך היימישע אידן וואס האבן געצויגן זייער פרנסה אין "ניטינג פעקטאריס", און אז דער רבי האט קלאר געזאגט אז דאס איז א גוטע ארבעט האט ער געטראכט זיך צו אינטערעסירן צי עס איז דא ערגעץ א 'ניטינג דזשאב'.

זיין פאטער, הרה"ח ר' אברהם שלמה ע"ה האט געארבעט אין א ניטינג פעקטארי. פונקט יענעם טאג קומט צו צו אים זיין בעה"ב, און ער פרעגט אים צי זיין זון וואלט מסכים געווען צו קומען ארבעטן אין די פעקטארי...

ווען דער פאטער האט אים געפרעגט צי ער וויל קומען ארבעטן אין די ניטינג פעקטארי, האט ער אים געענטפערט: "פונקט היינט האט מיר דער רבי געזאגט אז דאס איז א גוטע ארבעט". ער האט טאקע אנגענומען די ארבעט, און ער האט דארט ממשיך געווען מיט זיין ארבעט 35 יאר, און ב"ה חתונה געמאכט אלע קינדער בליעה"ר דערפון.

וואס עס קומט אבער "אונז" ארויס פון די מעשה איז דאס וואס דער רבי האט געהאלטן אז מ'מוז סיי ווי לערנען זעקס שעה א טאג, און דאס האט נישט צו טון מיט וואס מ'באשעפטיגט זיך איבער'ן טאג. דאס איז מחייב אויך יעדן בעל הבית.

וכהנה רבות, וואס מיר קענען נאך ממשיך זיין מיט לעבעדיגע עדות'שאפט וויאזוי דער רבי ז"ל האט געשיקט דעם עולם ארבעטן, ער האט נישט געוואלט אז מ'זאל זיצן א גאנצן טאג אין ביהמ"ד, אבער יא, 6-8 שעה איז געווען א דבר פשוט אז דאס גיט יעדער איד אוועק פאר לימוד התורה, דאס איז געווען א דבר פשוט מאד.

## מיר זענען אלע פון די פרישע מתחילים...

אז מיר שטייען ערב שבועות תשפ"ה:

צוויי טויזנט סאטמארע אידן שטייען פאר א סיום הש"ס.

דער גרעסטער טייל פון די אידן זענען נישט קיין 'כולל אינגעלייט', 'יושבי אוהל'.

אדרבא, דער גרויסער טייל זענען אידן סוחרים, בעלי בתים, ביזנעס-לייט, אידן וואס זענען מקיים דעם בזעת אפיך תאכל לחם.

אבער זיי האבן מקיים געווען דעם "ירבה בישיבה וימעיט בסחורה', זיי האבן געהאט שכל צו מאכן תורתם קבע ומלאכתם עראי, פארטאגס, אינמיטן טאג, ביינאכט, ערבי שבתות, שבת נאכמיטאג, און דאס אוועק געגעבן פאר לימוד התורה, דאס איז געווען דער גורם צום "ויחכם"!

**דער גרעסטער טייל פון די אידן זענען נישט קיין 'כולל אינגעלייט', 'יושבי אוהל'.**

**אדרבא, דער גרויסער טייל זענען אידן סוחרים, בעלי בתים, ביזנעס-לייט, אידן וואס זענען מקיים דעם בזעת אפיך תאכל לחם.**

**אבער זיי האבן מקיים געווען דעם "ירבה בישיבה וימעיט בסחורה', זיי האבן געהאט שכל צו מאכן תורתם קבע ומלאכתם עראי, פארטאגס, אינמיטן טאג, ביינאכט, ערבי שבתות, שבת נאכמיטאג, און דאס אוועק געגעבן פאר לימוד התורה, דאס איז געווען דער גורם צום "ויחכם"!**

אט די אידן זענען "תלמידי חכמים מופלגים", זיי זענען שולט אין הונדערטער און אפילו טויזנטער בלעטער פון ש"ס, זיי האבן א בקיאות בכל התורה כולה, זיי גערדענקען אומצאליגע סוגיות הש"ס.

יא, זיי לעבן אין עולם המסחר, אבער זיי זענען מקושר בעבותות אהבה צו 'אהלה של תורה', זיי געבן אוועק יעדע איבריגע מינוט פאר לימוד התורה, זיי זענען אמת'ע בני תורה.

און דערפאר זעט אויס זייער הכנה צום הייליגן יו"ט שבועות אזוי העכער, אזוי געהויבן.

דערפאר ווערט אויסזען זייער **'אהבה רבה'** אזוי העכער אזוי געהויבן.

יא יא, קנאת סופרים, מיר זענען זייער מקנא די טויזענטער אידן, אבער... הברירה נתונה בידינו.

**ב' שלח תשפ"ה, מאימתי קורין את שמע... מיט א שטארקע חברותא...**

**דאס איז די תשובה.**